Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 15 גראשען | היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 14 | Łódź, Poniedziałek, 16 stycznia 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, י"ח טבת תרצ"ג | № 14

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# גענעראל שלייכער רעדט

## וועגען אדייטשער ארמעי, איז וועלכער ס'זאל לעבען דער גייסט פון דער קריגס-צייט

בערלין, 15. (ספ. טעל.) היינט איז פארגעקומען דער 63-טער יאהרעסטאג זינט עס איז ענטשטאנען דער ערשטער פעלד-באנד פון געוועז. פראנט-זעלנער.

די פייערונג איז פערוואנדעלט געווארען אין א גרויסער פאליטישער מאניפעסטאציע.

אין דער פייערונג האבען, צווישען אנדערע, אנטיילגענומען: הינדענבורג — אין א מונדיר פון קייזער-ליכען פעלד-מארשאל, פעלדמארשאל מאקענזען און צוויי פארשטייער פון די האהענצאלערנס.

דער קראנפרינץ איז געקומען אין אוניפארם פון א גענעראל פון הוזארען.

דאס פובליקום האט זיי געמאכט גרויסע אוואציעס.

צו די פערזאמעלטע האט גערעדט דער ווער. שלייכער, וועלכער האט צ.א. אונטערשטראכען אז דייטשלאנד מוז ווידער שאפען אן ארמעי און זעל כער עס זאל לעבען דער גייסט פון דער דייטשער ארמעי פון דער קריגס-צייט.

### דער ד"ר נחום גאלדמאן איז ווארשא

ווארשא, 15. (טעלעפאניש).

ד"ר נחום גאלדמאן איז דא אהערגעקומען, קיין ווארשא, אין צוזאמענהאנג מיט'ן אלוועלטליכען יודישען קאנגרעס, וואס דארף פארקומען אין יאהר 1934.

## ווידער א שרפה אויף א פראנצויזישער שיף

פאריז, 15 (ספ. טעל.)

אין פארט לאריענט איז אויסגעבראכען א שרפה אויף דער מאטאר-שיף „פרעזידענט בריאן", וואס איז דארט געשטאנען אויף דער אנקער.

„פרעזידענט בריאן" איז די נייעסטע און גרעסטע פישער-שיף אין לאריענט.

ערשט נישט לאנג צוריק איז די דאזיגע שיף אויסגעבויט געווארען.

דער מאטעריעלער היזק איז א זעהר גרויסער.

פון די מענשען האט קיינער נישט געליטען.

### א בילד פון דער באהן-קאטאסטראפע אויפ'ן בוקארעשטער וואקזאל



### געוו. מיניסטער זאלעסקי, — פרעזעס פון דער האנדעלס-באנק

ווארשא, 15 (טעלעפאניש)

דער ראט פון דער האנדעלס-באנק האט שבת אויסגעקליבען אלס פרעזעס פון דער באנק דעם געוו. אויסערן-מיניסטער, דעם סענאטאר אויגוסט זאלעסקי.

דער ה' זאלעסקי וועט איבערנעהמען זיין נייעם אמט מאנטאג, דעם 16 ד. ח.

### 102 טויזענד פונט פאר'ן שול-וועזען

בעשטעטיגט אויפ'ן יאר 1933 אין א"י

ירושלים, 15. (יט"א טעלעגראפיש).

דער ועד-הלאומי האט בעשטעטיגט דעם בודזשעט אויפ'ן שול-וועזען פאר'ן יאהר 1933 אויף 102 טויזענד פונט, דערונטער 20 טויזענד פונט פון דער רעגירונג.

### יודישער פראפ. קאהן טרעט היינט צו צו די לעקציעס

בערלין, 15. (יט"א טעלעגראפיש).

דער סענאט פון דער ברעסלויער אוניווערזיטעט האט אנגענומען א בעשלוס לטובת דעם פראפעסאר קאהן.

מארגען וועט שוין דער יודישער פראפעסאר קאהן האלטען זיין לעקציע.

### א באהן-קאטאסטראפע

בערלין, 15. (ספ. טעל.)

אויף דער באהן-ליניע סטענדאל-בערלין איז א צוג ארויף אויף א פוהר.

אין רעזולטאט זענען דא 3 דערהרגעטע און 2 שווער-פערוואונדעטע.

### נייע רעגירונג איז רומעניען

בוקארעשט, 15. (ספ. טעל.)

ווידא-וואיעוואד האט געבילדעט א נייעם קאבינעט, וואס אונטערשיידט זיך פון דעם פריהערדיגען בלויז דערמיט, וואס אנשטאט דעם פריהערדיגען אינערן-מיניסטער מיכאלאקע איז בעשטימט געווארען מיראנעסקו.

## פארשטעהער פון מינדערהייטען איז רומעניען — א רומענער

### צוזאמענגעשטעלט די נייע רומענישע רעגירונג

בוקארעשט, 15. (יט"א טעלעגראפיש).

דער נייער פרעמיער האט שוין צוזאמענגעשטעלט די נייע רעגירונג, ס'איז בעשטימט געווארען דער סעקרעטאריאט פון מינדערהייטס-ענינים. דער נייער סעקרעטאר איז נישט קיין פארשטעהער פון די מינדערהייטען, נאר א רומענער.

אויגען-קליניק

מיט שטענדיגע בעטען פון

Dr. B. Donchin

פעטריקאווער 90, טעל. 221-72

נעהמט אן שטענדיגע אויגען-קראנקע (צוועק אפעראציע א.ז.וו.), ווי אויך אמבולאטאריש פון 9–4 און פון 4 ביז 7.30 אווענד.

1091

פאר גאלד, בריליאנטען, בישוטעריע און לאמבארד-קוויטעס צאהלט די העכסטע פרייזען

איזידאר פיאלקא, פעטריקאווער 7

רעשטען

לאדז, נאוואמיעסקא 5

פראנט, 2-טער שטאק

פערשידענע קאמגארנס ביליגער, טאמאשאווער און לאדזער אויף אנציגער און פאלטענס

ווי אויך די מאדערנסטע דאמען-שטאפען אויף פאלטנס און קאסטיומען

מיט 30% ביליגער

קומט און איבערצייגט אייך, ביי

SZCZĘŚLIWY

געפינט זיך נאר

אין פראנט, II שטאק

Dr. Wajnberg

ספעצ. פון הארץ-און לונגען-קראנקהייטען

ציגעל-גאס 11, טעל. 126-02

נעמט אן פון 9–10 פריה, 3–4 און 8–9 אווענד.

נוצט אויס די זעלטענע געלעגענהייט!

פאר א שפאט-ביליגען פרייז צו בעזוכען דעם שענסטען ווינטער-געגענד אין אייראפא — זאקאפאנע

און זיך בעטייליגען אין דער גרעסטער ווינטער-ספארט-אימפרעזע פאר דער לעצטער צייט.

די ווינטער-מכביאדע, וועלכע קומט פאר פון 1–5 פעברואר ד. י. אין זאקאפאנע, איז די גרעסטע אטראקציע פאר די לעצטע יאהרען. טויזענדער יודישע ספארטלער פון אלע עקען וועלט. צעהנדליגער טויזענדער טוריסטען פון אלע לענדער גרייטען זיך צו דער אימפאזאנטסטער יודישער ספארט-אימפרעזע, וועלכע קומט פאר אין זאקאפאנע.

די גראנדיעזע ווינטער-„מכביאדע" אין זאקאפאנע, האט ערווארבען דעם אינטערעס ביי אלע יודען פון דער גאנצער וועלט.

געטיילטע טעל טיילען אונז בלויז אפ פון דער גראנדיעזער אימפרעזע.

די בעדינגונגען פון אלע אנטיילנעהמער און טוריסטען זענען: פאר די נידריגסטע פרייזען — די בעקוועמסטע בעדינגונגען.

אינפארם. ווערען ערטיילט יעדען טאג פון 4–7 אין וואנאן-לי-קוס, פעטריקאווער 64

